ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 54

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי ארבעט מען אויף שמחה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כ"ד, אז מ'דארף זיך זייער שטארקן מיט'ן גאנצן כח צו זיין פריילעך, און זיך מאכן פריילעך אפילו מיט מילי דשטותא. ווי אזוי קען מען זיך שטארקן און זיין פריילעך אין יעדן מצב, אפילו ווען עס מיר נישט אזוי גוט, אפילו ווען זאכן גייען נישט אזוי ווי איך האב געפלאנט?*

*אויך ווי אזוי מאכט מען זיך פריילעך מיט מילי דשטותא?*

*יישר כח פאר אלעס*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תולדות, כ"ח חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פרייליך; רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה פלעגט זאגן: "אז דער רבי האט אונז געזאגט 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' מן הסתם איז דא מיט וואס צו זיין פרייליך".

דו פרעגסט ווי אזוי מען קען זיין פרייליך ווען זאכן ארבעטן זיך נישט אויס ווי געפלאנט וכו'; וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש ווייסט קלאר אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים איז מיט א חשבון פון הימל, עס איז נישט דא קיין טבע, מקרה און מזל, נאר אלעס אלעס איז דער אייבערשטער אליינס, אזא איינער ווערט נישט בעצבות ווען זאכן גייען נישט ווי געפלאנט, ער ווייסט אז אלעס איז פאר זיין טובה, ער ווייסט אז עס וואלט נישט געקענט זיין אנדערש, ווייל ווי אזוי עס איז געוועז איז זיכער גוט און מיט א חשבון.

### איך בין נישט באשאפן געווארן א גוי

דער עיקר דארף מען זיך פרייען מיט דעם אז 'איך בין נישט באשאפן געווארן א גוי, איך בין א איד'. דער הייליגער צדיק, הרב הקדוש רבי צדוק הכהן מלובלין זכותו יגן עלינו ברענגט אין זיין ספר פרי צדיק א מורא'דיגע מעשה (חג השבועות, אות יג) אז דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו פלעגט יעדן טאג זאגן די ברכות השחר הויך אויפ'ן קול, איין טאג האט ער פארפעלט צו זאגן די ברכה "שלא עשני גוי", איז איינער צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: "רבי, איר האט אויסגעלאזט א ברכה, די ברכה פון שלא עשני גוי", האט אים דער הייליגער קדושת לוי געזאגט: "איך האב שוין געמאכט היינט די ברכה! ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי בין איך געווען זייער צעבראכן ביי מיר, איך האב נישט געקענט טרעפן קיין שום זאך מיט וואס זיך צו מחיה ומחזק זיין, האב איך געטראכט צו מיר: **'א איד בין איך דאך, איך בין נישט קיין גוי'**, און פון גרויס שמחה האב איך מיך נישט געקענט איינהאלטן, און איך האב גלייך געמאכט די ברכה: "שלא עשני גוי"; מיט דעם האב איך זיך מחי' געווען".

זעט מען פון דעם, אז אפילו אזא הייליגע צדיק וואס דער רבי האט אים אנגערופן "פְּאֵר הַדּוֹר" (עיין שיחות הר"ן, סימן קצו) - האט זיך נישט געהאט מיט וואס מחזק זיין נאר מיט'ן "שלא עשני גוי", איז דאך זיכער אז מיר קליינטשיגע מענטשעלעך וואס מיר זענען טאקע גארנישט, דארפן מיר זיכער נעמען דעם "שלא עשני גוי" און זיך מחזק זיין מיט דעם. טראכטן שטענדיג צו זיך: 'ברוך ה' איך בין נישט קיין גוי טמא, איך בין א איד'.

### דאס זאלסטו מקיים זיין ביי דיר אין שטוב

אויף דיין פראגע ווי אזוי איז מען מקיים וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", מען דארף זיך צווינגען צו זיין פרייליך אפילו מיט נארישע זאכן אבי צו זיין פרייליך - ווי אזוי מען איז דאס מקיים ברבים; דאס זאלסטו מקיים זיין ביי דיר אין שטוב, דו קענסט זיך נאריש מאכן מיט דיינע קליינע קינדער, טאנצן מיט זיי און זיך נאריש מאכן וכו' וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איך וויל אנהויבן לערנען, ווי אזוי הויבט מען אן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך בין אן ארבייטס אינגערמאן, כ'האב נישט צופיל צייט צו לערנען, און איך וואלט זייער שטארק געוואלט אנהויבן לערנען*

*אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון מוהרא"ש. איך פארשטיי אבער נישט פונקטליך ווי אזוי דאס ארבעט, דארף מען קודם ענדיגן גאנץ משניות, אדער קודם יעדע מסכתא 101 מאל? און דאס איז מסכתות פון משניות אדער פון גמרא?*

*איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען מסביר זיין און קלאר שטעלן ווי עס ארבעט.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת נשא א', ראש חודש סיון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

הייב אן מיט משניות; גיי אין א סדר א פרק נאך א פרק ביז דו וועסט ענדיגן א מסכתא, נאכדעם זאלסטו גיין צום צווייטן מסכתא ביז דו וועסט ענדיגן סדר זרעים. נאכדעם זאלסטו גיין צו סדר מועד, זאלסט לערנען א פרק נאך א פרק ביז דו וועסט ענדיגן ששה סדרי משנה; ווען דו ענדיגסט ששה סדרי משנה זאלסטו אנהייבן נאכאמאל אויף דעם אופן, זאלסט לערנען א פרק נאך א פרק; אזוי זאלסטו טון דיין גאנץ לעבן, זאלסט קיינמאל נישט אפלאזן דעם משניות, דאס וועט אריין ברענגען אין דיר א גליסטעניש צו די הייליגע תורה, דו וועסט וועלן לערנען נאך און נאך.

אויך זאלסטו זיך מאכן יעדן טאג א שיעור צו לערנען גמרא; הייב אן מסכת ברכות און גיי כסדרן א בלאט נאך א בלאט. קוק נישט אויף דעם אויב דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט, דו זאג די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו אן פארשטיין, דאס וועט פארשניידן אלע קליפות ומשחיתים; צדיקים טייטשן דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קו:): "גְּמָרָא גְּמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא", "גְּמָרָא גְּמוֹר" - אויב דו וועסט לערנען גמרא, דעמאלט: "זְמוֹרְתָּא תְּהֵא" - דאס איז א לשון פון: 'לְזַמֵּר אֵת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֵת כָּל הַקּוֹצִים", אז מען זאגט גמרא פארשניידט מען אלע שלעכטס.

**אפילו דו פארגעסט, דו געדענקסט נישט פון איין טאג אויפ'ן צווייטן זאלסטו ווייטער גיין אין א רייע איין בלאט נאכן צווייטן; אזוי זאלסטו טון דיין גאנץ לעבן, זאלסט קיינמאל נישט אפלאזן די הייליגע גמרא. דאס וועט דיר ברענגען פרנסה, עס וועט דיר רייך מאכן**

אפילו דו פארגעסט, דו געדענקסט נישט פון איין טאג אויפ'ן צווייטן זאלסטו ווייטער גיין אין א רייע איין בלאט נאכן צווייטן; אזוי זאלסטו טון דיין גאנץ לעבן, זאלסט קיינמאל נישט אפלאזן די הייליגע גמרא. דאס וועט דיר ברענגען פרנסה, עס וועט דיר רייך מאכן.

דער רבי האט דערציילט (שיחות הר"ן, סימן קלז): עס זענען געווען צוויי אינגעלייט זייער נאנטע חברים, איינמאל האט איינער געזען אויף זיין חבר אז ער האט געטון נישט קיין שיינע זאך, שפעטער האט ער געזען ווי דער חבר האט געטון א גרויסע עבירה האט ער זיך אפגעשאקלט פון אים און זיי האבן זיך צעטיילט. נאך א שטיק צייט זעט ער ווי דער חבר הייבט אן מצליח זיין, אבער ער זעלבסט איז געווארן א גרויסער ארעמאן, האט ער אנגעפאנגען האבן קשיות אויפ'ן אייבערשטן: 'איך ווייס דאך אז יענער האט געטון א גרויסע עבירה, פארוואס גייט אים אזוי גוט? ער איז מצליח, ער איז א גרויסער עשיר', איינמאל האט ער געזען ווי עס שטייט א קופקע און עס הערט זיך ארויס פון דארט א גרידער ווי מען ציילט געלט, איז ער אהין געגאנגען און ער איז צוגעגאנגען צו די געלט, ווען ער האט געוואלט קומען נאנט האט מען אים אפגעשטעלט און אים געזאגט: "ריר נישט צו צו די געלט, די געלט באלאנגט פאר דיין אלטער חבר", האט ער זיי געפרעגט: "איך פארשטיי נישט, פארוואס קומט אים אזויפיל געלט, איך האב דאך געזען מיט מיינע אויגן ווי ער טוט אן עבירה?" האט מען אים געענטפערט אזוי: "דיין חבר האט זיך קובע געווען צו לערנען יעדן טאג תורה, ער האט זיך פארגענומען חק ולא יעבור אז ער גייט לערנען יעדן טאג, אבער דו לערנסט גארנישט, דערפאר געבט מען פאר דיין חבר געלט אפילו ער האט געטון אן עבירה ווייל "מעות" איז ראשי תיבות וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תּ'וֹרָה (סוטה כא.), עבירה לעשט נישט אויס די תורה", קוק נאך די מעשה דארט.

איינמאל דו וועסט זוכה זיין צו ענדיגן גאנץ ש"ס דעמאלט קענסטו אנהייבן א שיעור אויף דעם וועג פון איין מסכתא הונדערט און איין מאל; דאס ווענדט זיך אינעם מענטש, עס זענען דא וואס הייבן אן נאכאמאל ש"ס כסדרן און ווען זיי זענען מסיים הייבן זיי אן נאכאמאל און אזוי ווייטער, נאכדעם זענען דא וואס נעמען איין מסכתא און זיי גייען דאס איבער הונדערט און איין מאל, דאס ווענדט זיך לויט יעדן מענטש.

וואויל איז דעם וואס לאזט זיך נישט נארן, ער לערנט די הייליגע תורה - דער דארף שוין קיינעם, אזוי ווי דער רבי האט איינעם געפרעגט (שיחות הר"ן, סימן יז): "פארוואס לערנסטו נישט? דו וועסט דאך באקומען עולם הבא פאר דיין לערנען?!" און דער רבי האט אים געזאגט: "איינמאל דו וועסט זוכה זיין צו שפירן א ליבשאפט צו די תורה, וועסטו שוין נישט דארפן נישט די וועלט און נישט יענער וועלט, דו וועסט נאר ווען לערנען נאך און נאך".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**